NYC Health

# אפליקאציע פאר די פארררעכטונג
# פון אן NYC געבורט סערטיפיקאט

באזוכט nyc.gov/vitalrecords פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער ווי לאנג עס נעמט פאר אפליקאציעס צו איבערגעקוקט ווערן, באשטעלונג סטאטוס און אנדערע אינפארמאציע.

(ביטע שרייבט ארויס קלאר און פילט אריין וויפיל אינפארמאציע וואס איר קענט אין ענגליש. בויגנס וואס ווערן אריינגעגעבן אין אנדערע שפראכן וועלן נעמען לענגער צו איבערגעקוקט ווערן. איבערגעזעצטע בויגנס זענען דא צו באקומען אויף די אינטערנעט נאר צו נאכקוקן און פארשטיין און נישט צו ווערן אויסגעפילט — ביטע פילט אויס די ענגלישע בויגן אין ענגליש.)

## ווער קען אפלייען פאר א פארררעכטונג?

צו אפלייען פאר א פארררעכטונג: איר מוזט זיין דער מענטש וועמען'ס נאמען איז אויפן סערטיפיקאט און צום ווייניגסטנס 18 יאר אלט, אדער עלטערן אדער א לעגאלע גאַרדיען פון דעם מענטש וועמען'ס נאמען איז אויפן סערטיפיקאט — אויב דער מענטש איז יונגער פון 18 יאר אלט. דער מענטש וועמען'ס נאמען איז אויפן סערטיפיקאט מוז האבן געבוירן געווארן אין די פינף בעראס פון NYC ‏(Bronx, Brooklyn, Manhattan, Queens, Staten Island).

## וויאזוי מאך איך א פארררעכטונג?

- היובט אן מיטן גיין צו בלאט 5 פון דעם בויגן און זעהט וועלכע סארט די פארררעכטונג וואס איר ווילט מאכן איז.
- געוואנדן אין די סארט פון די פארררעכטונג וואס איר ווילט מאכן, גייט צו די טשעפּטער A, B, C, D אדער E.
- לייענט פארזיכטיג דורך די אנווייזונגען איבער וועלכע סארטן דאקומענטן איר וועט דארפן אריינגעבן מיט אייער אפליקאציע.
- דערנאך נעמט צוזאם אלע פארלאנגטע דאקומענטן, און לייגט זיי אריין צוזאמען מיט אייער אפליקאציע.
- פילט אויס <u>אלע</u> אינפארמאציע אויף בלעטער 2 ביז 4. מאכט זיכער צו אונטערשרייבן און אריינפילן די דאטום אויף דעם בויגן.
- איר מוזט אריינגעבן א גילטיגע (נישט אפגעלאפענע) און אונטערגעשריבענע אידענטיפיקאציע וואס האט א בילד. אויב די נעמען פוןביידע עלטערן זענען אויפן דאקומענט, מוזן ביידע אונטערשרייבן דעם אפליקאציע און אריינגעבן קאפיעס פון זייער אידענטיפיקאציע (identification, ID). מיר נעמען אן קאפיעס פון ID'ס מיט אפליקאציעס וואס ווערן אריינגעשיקט דורך די פאסט. קאפיעס מוזן זיין קלאר און אריננעמען די פארנט און הונטערשטע זייט פון די ID.

## פארלאנגטע דאקומענטן

- איר מוזט שיקן די אריגינעלע דאקומענטן וואס האבן די 'לעטערהעד' (אויבערשטע חלק פון אפיציעלע בריוו) אדער סערטיפייד קאפיעס מיט אייער אפליקאציע. סערטיפייד קאפיעס זענען דאקומענטן ארויסגעגעבן דורך א רעגירונג אפיס וואס האבן אפט אן אריינגעקריצטע זיגל, ווי צום ביישפיל געבורט סערטיפיקאטן אדער חתונה (מערידזש) סערטיפיקאטן. נאָוטערייזד קאפיעס, קאפיעס אדער געענדערטע דאקומענטן זענען נישט אקצעפטירבאר.
- אויב אייערע דאקומענטן זענען אין א שפראך וואס איז נישט ענגליש, מוזט איר ערהאלטן אן אפיציעלן איבערזעצונג פון די פארלאנגטע דאקומענטן. קאנסולאטן אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן וועלן אפט איבערזעצן אפיציעלע דאקומענטן פאר אייך. מיר נעמען אויך אן איבערזעצונגען פון אוועקגעשטעלטע איבערזעצונג סערוויסעס.

## פרייזן: וויפיל קאסט דאס צו מאכן א פארררעכטונג?

די דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (די העלט דעפארטמענט) נעמט א **$40 אפליקאציע איבערבליק באצאלונג וואס ווערט נישט צוריקגעגעבן** פארן מאכן רוב סארטן פארררעכטונגען, אין צוגאב פון $15 פאר יעדע קאפיע פון יעדע נייע סערטיפיקאט. אין יעדע פאל, אויב איר דארפט צוצאלן פאר אן אפליקאציע, איז עס $40, אפילו אויב מער פון איין זאך ווערט פארראכטן.

**עס איז נישטא קיין צוצאלונגען בלויז פאר די פאלגנדע סארטן פארררעכטונגען:** אנערקענונג פון עלטערן/טאטע; ארדער פון עלטערנשאפט פון געריכט; צולייגן עלטערן וואס זענען געווען פארהייראט בעפאר די געבורט פון דאס קינד; צולייגן א קינד'ס געגעבענע נאמען, אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך עלטערן צו די העלט דעפארטמענט ביז 60 טעג פון דעם קינד'ס געבורט; צולייגן א קינד'ס געגעבענע נאמען, אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך עלטערן צו די שפיטאל ביז 12 חודשים פון דעם קינד'ס געבורט; פארררעכטן גרייזן און אויסגעלאזטע איינצלהייטן דורך די שפיטאל, אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך די שפיטאל וואו דאס קינד איז געבוירן געווארן אין די ערשטע 12 חודשים פון געבורט.

## ערשטע טייל: וואס איז אייער נאמען?

**מערקט אן אז איר מוזט זיין צום ווייניגסטנס 18 יאר אלט. שרייבט קלאר ארויס און נוצט נאר שווארצע טינט.**

| | | |
|---|---|---|
| ערשטע נאמען | מיטעלע נאמען | לעצטע נאמען |

| | |
|---|---|
| פאסט אדרעס | אפארטמענט נומער |

| | | |
|---|---|---|
| סיטי | סטעיט | זיפ קאוד |

| | | |
|---|---|---|
| הויפט טעלעפאן נומער | אנדערע טעלעפאן נומער | אימעיל אדרעס |

חתונה סטאטוס:

☐ קיינמאל נישט פארהייראט ☐ פארהייראט ☐ סעפערעיטעד

☐ גרוש/ה ☐ אלמן/ה ☐ רעגיסטרירטע לעבן פארטנער

## צווייטע טייל: געבורט סערטיפיקאט אינפארמאציע

**אין די טייל שרייבט אריין דאס וואס שטייט יעצט אויף די געבורט סערטיפיקאט וואס איר ווילט פאררעכטן.**

געבורט סערטיפיקאט נומער: ___ ___ ___ ___ ___ ___ - ___ ___ - 6 5 1

נאמען אויפן געבורט סערטיפיקאט אזוי ווי עס שטייט **יעצט**:

| | | |
|---|---|---|
| ערשטע נאמען | מיטעלע נאמען | לעצטע נאמען |

געבורט דאטום (חודש/טאג/יאר פון לינקס צו רעכטס): ____________________ סעקס: ☐ זכר ☐ נקבה ☐ X*

מאמע'ס מוידן נאמען:

| | |
|---|---|
| ערשטע נאמען | לעצטע נאמען |

פלאץ פון געבורט ווי עס שטייט יעצט אויפן געבורט סערטיפיקאט:

| |
|---|
| נאמען פון שפיטאל, געבורט צענטער אדער אויב אינדערהיים — גאס אדרעס, שטאט, סטעיט, זיפ קאוד |

X* מיינט א דזשענדער וואס איז נישט אויסשליסליך זכר אדער נקבה (א נישט-ביינערי [צוויי-פאכיגע] דזשענדער אידענטיטעט).

## דריטע טייל: וואס ווילט איר פאררעכטן?

נוצט איין שורה פאר יעדע פאררעכטונג. מיר קענען נישט אננעמען א בויגן מיט ווערטער וואס זענען אויסגעשטראכן אדער אנגעשריבן. אויב איר מאכט א טעות, נוצט א נייער אפליקאציע בויגן. (אויב איר לייגט **נאר** צו די צווייטע עלטערן, פילט אויס טייל 4 אנשטאט.)

| וואס ווילט איר פאררעכטן? | וואס שטייט יעצט אויף די געבורט סערטיפיקאט? | וואס דארף שטיין אויף די געבורט דאקומענט? |
|---|---|---|
| ביישפיל: קינד'ס ערשטע נאמען: | ביישפיל: שטייט נישט | ביישפיל: מייקעל |
| ביישפיל: געבורטס דאטום | ביישפיל: October 16, 2009 | ביישפיל: October 19, 2009 |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

## פערטע טייל: צווייטע עלטערן אינפארמאציע

אויב איר ווילט צולייגן די נאמען פון אנדערע עלטערן, פילט אויס די טייל. איר מוזט האבן געווען פארהייראט פאר די געבורט פון דאס קינד. זעהט טשאַרט B אויף בלעטער 7 און 8.

### נאמען פון צווייטע עלטערן

| ערשטע נאמען | מיטעלע נאמען | לעצטע נאמען פון צווייטע עלטערן |
|---|---|---|
| | | |

געבורטס לאנד פון עלטערן ______________________ סעקס: ☐ זכר ☐ נקבה ☐ X

צווייטע עלטערן'ס געבורטס דאטום (חודש/טאג/יאר פון לינקס צו רעכטס): ______________

צווייטע עלטערן'ס עלטער ביי די צייט פון דאס קינד'ס געבורט: ______

| קינד'ס לעצטע נאמען (ווי עס שטייט אויף די סערטיפיקאט, אפילו אויב עס וועט בלייבן די זעלבע) | |
|---|---|
| | |
| **אונטערשריפט פון צווייטע עלטערן** | **דאטום** |
| | |

## פינפטע טייל: שרייבט אונטער אייער אפליקאציע

שרייבט אונטער דעם בויגן וואו עס פעהלט זיך אויס: אויב די נעמען פוןביידע עלטערן שטייען יעצט אויפן געבורט סערטיפיקאט, מוזן ביידע אונטערשרייבן אויב דאס קינד איז אונטער 18 יאר אלט.

| | |
|---|---|
| אונטערשריפט פון מאמע/עלטערן/לעגאלע גאַרדיען | דאטום |
| אונטערשריפט פון טאטע/עלטערן/לעגאלע גאַרדיען | דאטום |

| | |
|---|---|
| אונטערשריפט פון מענטש וואס פילט אויס דעם אפליקאציע | דאטום |
| אייער אונטערשריפט (אויב איר זענט 18 יאר און עלטער און איר פארלאנגט א פארעכטונג אויף אייער אייגענע געבורט סערטיפיקאט) | |

**ווארענונג! קיין איין מענטש זאל נישט מאכן קיין פאלשע, נישט אמת'דיגע אדער אפנארנדע סטעיטמענט אדער פעלשן די אונטערשריפט פון אן אנדערן אויף אן אפליקאציע וואס איז פארלאנגט צו צוגעגרייט ווערן אונטער די ניו יארק סיטי געזונטהייט געזעץ (העלט קאָוד). א פארלעצונג פון די געזונטהייט געזעץ וועט קענען באשטראפט ווערן אלץ א 'מיסדימינער' פארלעצונג. (NYC / NYC HEALTH CODE 3.19 געזונטהייט געזעץ 3.19) ארייננעבן פאלשע אידענטיפיקאציע איז א פארברעך און פארלעצער קענען אויסשטיין קלאגעס.**

---

### פרייזן און וויאזוי ארייצוגעבן אייער אפליקאציע

עס איז דא אן אפליקאציע איבערבליק באצאלונג פון $40 וואס ווערט נישט צוריקגעגעבן צו מאכן רוב סארט פון פארעכטונגען, אין צוגאב פון $15 פאר יעדע קאפיע פון יעדע נייע סערטיפיקאט ביז א מאקסימום פון דריי סערטיפיקאטן.

צום ביישפיל, די קאסט צו פארערכטן א געבורט סערטיפיקאט און פארלאנגען צוויי פאררעכטענע קאפיעס איז $70:

איבערבליק פרייז = $40 + $30 פאר צוויי סערטיפיקאטן = $70 סך הכל.

**געפונט אויס וויפיל אייער פארלאנג קאסט**

| | |
|---|---|
| **איבערבליק באצאלונג וואס ווערט נישט צוריקגעגעבן:** | **$40** |
| צאל פאררעכטענע געבורט סערטיפיקאטן פארלאנגט (מאקסימום פון 3): | ________ |
| צוגעלייגט נאך **$15 פאר יעדע פאררעכטענע סערטפיקאט קומט אויס:** | $ ________ |
| סך הכל סומע צוגעלייגט: | $ ________ |

זעהט בלאט 1 פאר באטרעפנדע צוצאלונגען, ארייגרעכענענדיג פאררעכטונגען פאר וועלכע די באצאלונג דארף נישט געמאכט ווערן. די סערטיפיקאט באצאלונג דארף אויך נישט באצאלט ווערן אויב איר לייגט מיט א סערטיפייד קאפיע פון א סערטיפיקאט וואס איז געקויפט געווארן אין די פארגאנגענע דריי חודשים און ווילט עס אויסטוישן פאר א פאררעכטענע סערטיפיקאט.

ביטע שטעלט אויס אייער טשעק אדער מאָני אָרדער צו: **NYC Department of Health and Mental Hygiene**. קעש ווערט נישט אנגענומען. אפליקאנטן וועלכע קומען אראפ פערזענליך קענען באצאלן נוצנדיג א קרעדיט אדער דעביט קארטל, טשעק אדער מאָני ארדער.

**מאכט זיכער אז איר האט ארייגעלייגט אלעס וואס פעהלט זיך אויס** (מאכט א טשעק אויף אלע באטרעפנדע):

- ☐ אן אויסגעפילטע, אונטערגעשריבענע אפליקאציע מיט א קאפיע פון אן ID וואס האט א בילד. אויב א קינד איז אונטער 18 יאר אלט, לייגט צו אן ID פאר יעדע פון די עלטערן וועלכע זענען אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט.
- ☐ איין קאפיע פון יעדע אריגינאלע אדער א סערטיפייד קאפיע
- ☐ באצאלונג אויב עס פעהלט זיך אויס
- ☐ אריגינעלע אדער סערטיפייד דאקומענטן

**שיקט דורך די פאסט צו:**
NYC Department of Health and Mental Hygiene
Corrections Unit
125 Worth Street, CN-4, Room 144
New York, NY 10013

פאר הילף מיט פאררעכטונגען, רופט **311** אדער שיקט אן אימעיל צו correctionsunit2@health.nyc.gov.
אלע בויגנס דארפן אויסגעפילט ווערן אין ענגליש, אבער איבערזעצונגען פון די בויגנס זענען פארעפנטליכט אויף די אינטערנעט צו קענען נאכקוקן צו פארשטיין זאכן.

## וואס ווילט איר פארלאנגען?
## זעהט וואס איר דארפט ארייננגעבן לויט די פאלגנדע טשאַרטס.

| | סארט פארעכטונג פארלאנגט | וואס דארף איך ארייננגעבן? |
|---|---|---|
| 1 | צולייגן אדער פאררעכטן א נאמען אויף א געבורט סערטיפיקאט | זעהט טשאַרט A. |
| 2 | טוישן אייער נאמען אדער אייער קינד'ס נאמען אויף א געבורט סערטיפיקאט | זעהט טשאַרט A. |
| 3 | פאררעכטן די אינפארמאציע פון עלטערן אויף א געבורט סערטיפיקאט (נעמען פון עלטערן, דאטום און פלאץ פון געבורט פון עלטערן) | זעהט טשאַרט A. |
| 4 | צולייגן, טוישן אדער אראפנעמען עלטערן אויף א געבורט סערטיפיקאט (ארייננרעכענענדיג פעטערנעטי, עלטערנשאפט, אדאפשען) | זעהט טשאַרט B. |
| 5 | טוישן סעקס/דזשענדער אות אויף א געבורט סערטיפיקאט | זעהט טשאַרט C. |
| 6 | פאררעכטן א טעות געמאכט דורך די שפיטאל | זעהט טשאַרט D. |
| 7 | אראפנעמען אינפארמאציע פון די געבורט דאקומענט | זעהט טשאַרט E. |

| איך בין די | איך וויל | וועלכע דאקומענט דארף איך?<br>(זעהט ערקלערונג פון דאקומענטן אונטן.) |
|---|---|---|
| **טשאַרט A** | | |
| מענטש וועמען'ס נאמען איז אויפן סערטיפיקאט אדער עלטערן פון קינד וועמען'ס נאמען איז אויף די סערטיפיקאט. אויב עלטערן, מוז די קינד זיין אונטער 18 יאר אלט.<br><br>אויב די טעות איז געמאכט געווארן דורך די שפיטאל, גייט צו טשאַרט D אין דעם אפליקאציע. | 1. צולייגן אדער פארריכטן די ערשטע אדער מיטעלע נאמען אויף די געבורט סערטיפיקאט. | 1, 2, 3, 4, 5 אדער 6<br>(זעהט אויך "באמערקונג פאר דאקומענט 1 ביז 6" אונטער די ליסטע פון דאקומענטן טשאַרט אונטן.) |
| | 2. טויש די נאמען אויף די געבורט סערטיפיקאט (ערשטע, מיטעלע און/אדער לעצטע נאמען; טויש פון לעגאלע נאמען). | 12 |
| | 3. פארריכטן די אינפארמאציע פון די עלטערן אויף די געבורט סערטיפיקאט (ספעלינג פון עלטערן'ס נעמען; עלטערן'ס דאטום און פלאץ פון געבורט). | 7, 9 אדער 13 |
| | 4. פארריכטן די לעצטע נאמען אויף די געבורט סערטיפיקאט. | 7a, 8, 9, 10 אדער 11<br><br>אלע דאקומענטן מוזן האבן א דאטום וואס איז פאר די געבורטס דאטום. |

**אויב די טעות איז געמאכט געווארן דורך די שפיטאל, גייט צו טשאַרט D אין דעם אפליקאציע.**

| # | סארט דאקומענט(ן) אנגענומען |
|---|---|
| **ליסטע פון דאקומענטן אנגענומען דורך די NYC דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע** | |
| *1 | אימוניזאציע רעקארד וואס ווייזט די קינד'ס ערשטע נאמען, געבורטס דאטום, נאמען פון עלטערן וואס איז אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט און די העלט קעיר אנשטאלט'ס שטעמפל. די אימוניזאציע רעקארד מוז זיין צום ווייניגסטנס 10 יאר אלט. |
| *2 | ערשטע צענזוס רעקארד גענומען נאכן געבורט (פעדעראל אדער סטעיט) |
| *3 | בריוו פון דאקטאר ווייזנדיג אייער געבורטס דאטום און ריכטיגע נאמען. די בריוו מוז זיין מיט אן אפיציעלן לעטערהעד און אנדייטן אז איר זענט באהאנדלט געווארן דורך דעם דאקטאר 10 אדער מער יאר צוריק. עס מוז האבן די דאטום פון אייער ערשטע באזוך און די דאטום פון אייער לעצטע באזוך. |
| *4 | בריוו פון עלעמענטערי, מיטעלע אדער הויך שולע וואו איר זענט געגאנגען ווייזנדיג אייער געבורטס דאטום און ריכטיגע נאמען. די בריוו מוז אנדייטן די דאטומען ווען איר זענט געווען רעגיסטרירט און מוז זיין פון א סקול וואו איר זענט געגאנגען 10 אדער מער יאר צוריק. |
| *5 | א בריוו אדער דאקומענט פון א רעליגיעזע מוסד ווייזנדיג אייער געבורטס דאטום און ריכטיגע נאמען. די דאקומענט מוז זיין צום ווייניגסטנס 10 יאר אלט און מיט אן אפיציעלן לעטערהעד. |
| *6 | אייער לייף אינשורענס פאליסי ווייזנדיג אייער געבורטס דאטום און ריכטיגע נאמען. די פאליסי מוז זיין צום ווייניגסטנס 10 יאר אלט. |
| 7 | אריגינאלע געבורט סערטיפיקאט פון עלטערן וועמען'ס אינפארמאציע איר ווילט פארריכטן. |
| 7a | געבורט סערטיפיקאט פון עלטערן ווייזנדיג די ריכטיגע ספעלינג פון לעצטע נאמען. די סערטיפיקאט מוז האבן א דאטום וואס איז פאר די געבורטס דאטום. |
| 8 | פאספארט פון די עלטערן וואס ווייזט די ריכטיגע ספעלינג פון די לעצטע נאמען. די פאספארט מוז האבן ארויסגעגעבן געווארן פאר די געבורטס דאטום. |
| 9 | אריגינאלע חתונה (מערידזש) רעקארד/סערטיפיקאט פון עלטערן אויב זיי זענען געווען פארהייראט **בעפאר** דאס קינד איז געבוירן געווארן. דאס קען נאר גענוצט ווערן צו פארריכטן א לעצטע נאמען. |
| 10 | עלטערן'ס פאראייניגטע שטאטן נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט. די אינפארמאציע אויף די נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט מוז שטימען מיט די עלטערן'ס אינפארמאציע אויף די געבורט סערטיפיקאט. די עלטערן'ס לעצטע נאמען אויף די נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט מוז שטימען מיט די פארלאנגטע פארריכטונג. די נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט מוז האבן א דאטום וואס איז פאר די געבורטס דאטום. |
| 11 | געבורט סערטיפיקאט פון אן עלטערנ'ס שוועסטער אדער ברודער מיט די זעלבע עלטערן. |
| 12 | באקומען א סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, מוזט איר גיין צום ציווילן געריכט און פארלאנגען א לעגאלע נאמען טויש. אויב איר וואוינט אינדרויסן פון NYC, גייט צו די געריכט אין אייער געגנט וואס גיבט זיך אפ דערמיט און פארלאנגט א לעגאלע נאמען טויש. די סערטיפייד לעגאלע נאמען טויש געריכט באפעל מוז אריינרעכענען די געבורטס דאטום, פלאץ פון געבורט און סערטיפיקאט נומער. |
| 13 | סיי וועלכע פון די פאלגנדע:<br>• געבורט סערטיפיקאט פון די עלטערן וועמען'ס אינפארמאציע איר ווילט פארריכטן<br>• געבורט סערטיפיקאט פון אן עלטערנ'ס שוועסטער אדער ברודער מיט די זעלבע עלטערן<br>• רעליגיעזע מוסד ווייזנדיג אייער געבורטס דאטום, אייער ריכטיגע נאמען און עלטערן'ס ריכטיגע נאמען/נעמען<br>• נעטשורעלייזעישען סערטיפיקאט אדער חתונה (מערידזש) רעקארד בעפאר דאס קינד איז געבוירן געווארן; קען גענוצט ווערן צו פארריכטן נאר די לעצטע נאמען |

***באמערקונג פאר דאקומענטן 1 ביז 6:** אין אלגעמיין מוז א דאקומענט האבן געווארן אוועקגעשטעלט פאר דעם קינד'ס 7'טע געבורטסטאג אדער מוז עס זיין צום ווייניגסטנס 10 יאר אלט. דאס העלפט אונז פעסטשטעלן אז די דאקומענטן וואס איר גיבט אריין זענען אויטענטיש. דאקומענטן זאלן אויך אריינרעכענען די פאלגנדע: קינד'ס נאמען; געבורטס דאטום וואס שטייט אויפן סערטיפיקאט; עלטערן'ס נאמען/נעמען.

## טשאַרט B. צולייגן, טוישן אדער אראפנעמען עלטערן פון אן NYC געבורט סערטיפיקאט (ארייגרעכענענדיג אנערקענונגען פון עלטערנשאפט/פעטערנעטי, פיליעישען, אדאפשען)

**ביטע לייענט דאס קודם:**

די פראצעדור פון צולייגן די נאמען פון א צווייטע עלטערן צו אן NYC געבורט סערטיפיקאט ווענדט זיך געווענטליך אויף די חתונה סטאטוס פון די עלטערן אין די צייט ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן.

ציווילע חתונה (מערידזש) רעקארדס אדער אנדערע דאקומענטן מוזן ארייגעגעבן ווערן מיט דעם אפליקאציע. אין פעלער ווען די עלטערן זענען לעגאל געג'ט, דארפן די רעקארדס פון די גט אויך ארייגעגעבן ווערן. אויב עס איז נוגע, דארף א טויט סערטיפיקאט פון עלטערן וועלכע זענען אוועק אויך ארייגעגעבן ווערן. אלע רעקארדס מוזן זיין סערטיפייד קאפיעס.

ניו יארק סטעיט אנערקענט חתונות וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן אין אנדערע סטעיטס, וואשינגטאן די. סי. און אין אויסלאנד. עס אנערקענט נישט נישט-פארמאלע חתונות (קאָמאַן לאו מערידזש).

מערקט אן אז סיידן אויב עס איז דא א געריכט באפעל, מוז דער אפליקאציע אונטערגעשריבן ווערן דורך ביידע עלטערן ווען א צווייטע עלטערן ווערט צוגעלייגט.

| ווי אזוי לייג איך צו די נאמען פון אן אנדערן עלטערן? לייענט די טשאַרט (פארגעזעצט אויף די קומענדיגע בלאט) צו זעהן וואס איר דארפט טוהן. | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **#** | **איך בין דעם קינד'ס** | **חתונה געהאט אין די צייט פון די קינד'ס געבורט?** | **איך וויל צולייגן** | **איך דארף** |
| 1 | מאמע/עלטערן וועלכע האבן פיזיש געבוירן דעם קינד | יא | מאן/ווייב (דאס גייט ארויף אויף די מאן/ווייב אין די צייט פון די קינד'ס געבורט) | פילט אויס טייל 4, בלאט 3, פון דעם אפליקאציע (צווייטע עלטערן אינפארמאציע)<br>עס איז נישט די $40 פאררעכטונג באצאלונג צו צולייגן דעם מאן/ווייב. עס איז אבער יא דא א $15 באצאלונג פאר יעדע פאררעכטענע סערטיפיקאט. |
| 2 | מאמע/עלטערן וועלכע האבן פיזיש געבוירן דעם קינד | יא, אבער איך בין נישט געווען חתונה געהאט צו דעם קינד'ס בלוט טאטע אין די צייט פון מיין קינד'ס געבורט. | בלוט טאטע/מאמע פון דעם קינד | גייט צום פאמיליע געריכט אדער צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט און בעהט פאר א באפעל פון עלטערנשאפט (ארדער אָוו פערענטעדזש/פיליעישען).<br>פארלאנגט אויך אז די שטאט, סטעיט, געבורטס דאטום און סעקס פון די עלטערן וואס ווערט ארויפגעלייגט זאל ווערן אויסגערעכנט אויף די באפעל פון עלטערנשאפט.<br>עס איז נישט די $40 פאררעכטונג באצאלונג צו צולייגן דעם קינד'ס בלוט טאטע. עס איז אבער יא דא א $15 באצאלונג פאר יעדע פאררעכטענע סערטיפיקאט. |
| 3 | מאמע/עלטערן וועלכע האבן פיזיש געבוירן דעם קינד | ניין | בלוט טאטע/מאמע פון דעם קינד | פילט אויס אן <u>אנערקענונג פון עלטערנשאפט בויגן (Acknowledgment of Parentage, AOP)</u>.<br>**<u>אדער:</u>**<br>גייט צום פאמיליע געריכט אדער צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט און בעהט פאר א באפעל פון עלטערנשאפט (ארדער אָוו פערענטעדזש/פיליעישען).<br>פארלאנגט אויך אז די שטאט, סטעיט, געבורטס דאטום און סעקס פון די עלטערן וואס ווערט ארויפגעלייגט זאל ווערן אויסגערעכנט אויף די באפעל פון עלטערנשאפט.<br>עס איז נישט די $40 פאררעכטונג באצאלונג צו צולייגן דעם קינד'ס בלוט טאטע. עס איז אבער יא דא א $15 באצאלונג פאר יעדע פאררעכטענע סערטיפיקאט. |
| 4 | מאמע/עלטערן וועלכע האבן פיזיש געבוירן דעם קינד | ניין | צווייטע עלטערן (רעכנט נישט אריין בלוט טאטע/עלטערן פון דעם קינד) | פילט אויס אן <u>אנערקענונג פון עלטערנשאפט בויגן (Acknowledgment of Parentage, AOP)</u>.<br>**<u>אדער:</u>**<br>גייט צום פאמיליע געריכט אדער צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט און בעהט פאר א באפעל פון עלטערנשאפט אדער ארדער אָוו אדאפשען. פארלאנגט אויך אז די שטאט, סטעיט, געבורטס דאטום און סעקס פון די עלטערן וואס ווערט ארויפגעלייגט זאל ווערן אויסגערעכנט אויף די באפעל פון עלטערנשאפט אדער ארדער אָוו אדאפשען.<br>עס איז נישט די $40 פאררעכטונג באצאלונג צו צולייגן צווייטע עלטערן. עס איז אבער יא דא א $15 באצאלונג פאר יעדע פאררעכטענע סערטיפיקאט און א $40 פאררעכטונג באצאלונג פאר ארדער אָוו אדאפשען. |

*(פארגעזעצט אויף די קומענדיגע בלאט)*

**טשאַרט B פאַרגעזעצט. וויאזוי לייג איך צו די נאמען פון אן אנדערן עלטערן? לייענט די טשאַרט צו זעהן וואס איר דארפט טוהן.**

| # | איך בין דעם קינד'ס | חתונה געהאט אין די צייט פון די קינד'ס געבורט? | איך וויל צולייגן | איך דארף |
|---|---|---|---|---|
| 5 | בלוט טאטע | יא אדער ניין | איך אליין | זעהט אנווייזונגען פאר נומערן 1, 2 און 3 אויבן און פילט אויס ווי עס איז נוגע. צושטימונג פון געבורט מאמע/עלטערן וועט מעגליך זיין געפאדערט. |
| 6 | צווייטע עלטערן (רעכנט נישט אריין בלוט טאטע/עלטערן פון דעם קינד) | ניין<br>אויב יא, פאלגט נאך אנווייזונגען פאר נומער 1 | איך אליין | גייט צום פאמיליע געריכט אדער צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט און בעהט פאר א באפעל פון עלטערנשאפט אדער ארדער אָוו אדאפשען. פארלאנגט אויך אז די שטאט, סטעיט, געבורטס דאטום און סעקס פון די עלטערן וואס ווערט ארויפגעלייגט זאל ווערן אויסגערעכנט אויף די באפעל פון עלטערנשאפט אדער ארדער אָוו אדאפשען.<br>באצאלונגען זענען די זעלבע ווי אין נומער 4 אויבן. |

**וויאזוי קען איך אראפנעמען אדער טוישן איינער פון די עלטערן אויף אן NYC געבורט סערטיפיקאט?**

| איך בין דעם קינד'ס | חתונה געהאט אין די צייט פון די קינד'ס געבורט? | איך וויל | איך דארף |
|---|---|---|---|
| עלטערן אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט | יא אדער ניין | טוישן אדער אראפנעמען עלטערן | גייט צום פאמיליע געריכט אדער צו די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט צו איפוייזן עלטערנשאפט. בעהט פאר א באפעל פון עלטערנשאפט צו קענען אראפנעמען אדער טוישן עלטערן. |

**טשאַרט C. טוישן דזשענדער אות**

| # | איך בין די | איך וויל | וואס דארף איך טוהן? |
|---|---|---|---|
| 1 | מענטש אויסגערעכנט אויפן געבורט סערטיפיקאט | טוישן די דזשענדער אות אויף מיין געבורט סערטיפיקאט | פילט אויס אפליקאציע און זעלבסט-עדות'שאפט בויגן (18 יאר און העכער). זעהט on.nyc.gov/birthcertgenderselfattestation. |
| 2 | עלטערן פון קינד אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט | טוישן די דזשענדער אות אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | פילט אויס אפליקאציע און זעלבסט-עדות'שאפט בויגן פאר קינדער אונטער 18 יאר. זעהט on.nyc.gov/birthcertgenderattestationminor. |

**טשאַרט D. פאררעכטן א טעות געמאכט דורך די שפיטאל**

| # | איך בין די | איך וויל | מיין קינד'ס עלטער איז יעצט | וואס דארף איך טוהן? |
|---|---|---|---|---|
| 1 | עלטערן אויסגערעכנט אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | **צולייגן** מיין קינד'ס ערשטע און מיטעלע נאמען | 60 טעג אדער קלענער | גיבט אריין דעם אפליקאציע מיט גילטיגע ID פאר עלטערן אויסגערעכנט אויפן סערטיפיקאט. אן קיין באצאלונגען. |
| | | | אונטער 1 יאר אלט אבער עלטער פון 60 טעג | גיבט אריין דעם אפליקאציע מיט גילטיגע ID פאר עלטערן אויסגערעכנט אויפן סערטיפיקאט. געווענטליכע באצאלונגען גייען אן. |
| 2 | עלטערן אויסגערעכנט אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | **פאררעכטן** א טעות געמאכט דורך די שפיטאל אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | קינד איז יעצט אונטער 1 יאר אלט | גייט צוריק צו די שפיטאל וואו אייער קינד איז געבוירן געווארן. ברענגט דעם אפליקאציע און בעהט זיי צו אריינגעבן א פאררעכטונג צו פאררעכטן די טעות. די שפיטאל וועט אריינגעבן די פארלאנג עלעקטראניש צו די NYC העלט דעפארטמענט.<br>אן קיין באצאלונגען. |
| 3 | עלטערן אויסגערעכנט אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | **פאררעכטן** א טעות געמאכט דורך די שפיטאל אויף מיין קינד'ס געבורט סערטיפיקאט | קינד איז יעצט אונטער 18 יאר אלט אבער עלטער פון 1 יאר אלט | פארלאנגט א בריוו פון די שפיטאל וואו דאס קינד איז געבוירן געווארן אנגעבנדיג אז א טעות איז געמאכט געווארן. די בריוו מוז אנדייטן די קינד'ס נאמען, געבורטס דאטום און די אומריכטיגע אינפארמאציע וואס שטייט יעצט אויף די געבורט סערטיפיקאט, און אזוי אויך די ריכטיגע אינפארמאציע וויאזוי עס דארף צו שטיין. די בריוו מוז אריינרעכענען די נאמען/נעמען פון די עלטערן וועלכע זענען אויסגערעכנט אויף די געבורט סערטיפיקאט. |
| 4 | מענטש וועמען'ס נאמען איז אויפן סערטיפיקאט | **פאררעכטן** א טעות געמאכט דורך די שפיטאל אויף מיין געבורט סערטיפיקאט. דאס גייט ארויף נאר אויף די פאלגנדע אינפארמאציע: סעקס, דאטום און צייט פון געבורט, פלאץ פון געבורט. | איר זענט 18 יאר אדער עלטער. | פארלאנגט א בריוו פון די שפיטאל וואו איר זענט געבוירן געווארן אנגעבנדיג אז א טעות איז געמאכט געווארן. די בריוו מוז אנדייטן אייער נאמען, געבורטס דאטום און די אומריכטיגע אינפארמאציע וואס שטייט יעצט אויף די געבורט סערטיפיקאט, און אזוי אויך די ריכטיגע אינפארמאציע וויאזוי עס דארף צו שטיין. איר מוזט אריינגעבן איינס פון די פאלגנדע: שפיטאל וואָרקשיט, לאַג זשורנאל אדער געבורט רעקארדס וועלכע זענען אויסגעפילט געווארן אין די צייט פון די געבורט. |

## טשאַרט E. אראפנעמען אינפארמאציע פון א געבורט סערטיפיקאט

| # | איך בין די | איך וויל | וואו דארף איך טוהן? |
|---|---|---|---|
| 1 | מענטש וועמען'ס נאמען אויז אויפן סערטיפיקאט אדער עלטערן פון דעם קינד וועמען'ס נאמען איז אויף די סערטיפיקאט. אויב עלטערן, מוז די קינד זיין אונטער 18 יאר אלט. | אראפנעמען אינפארמאציע פון די געבורט סערטיפיקאט | גייט צו דעם ניו יארק סטעיט סופרים געריכט צו פארלאנגען א געריכט באפעל צו אראפנעמען די אינפארמאציע. אויב עס איז א טעות פון די שפיטאל, זעהט טשאַרט D. |
| | | אראפנעמען א נאמען פון א דאקטאר | א דאקטאר'ס נאמען קען אראפגענומען ווערן פון א געבורט סערטיפיקאט אויב זייער מעדיצינישע לייסענס איז אויפגעגעבן געווארן אדער אװעקגענומען געווארן דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אפיס פון פראפעסיאנאלע מעדיצינישע אויפפירונג (Office of Professional Medical conduct). באזוכט nyc.gov/health און זוכט פאר certificate corrections (סערטיפיקאט פאררעכטונגען) פאר אנווייזונגען (אונטער די "Common Corrections" (אפטע פאררעכטונגען) קעפל זוכט "How do I remove information on the birth certificate?" (וויאזוי נעם איך אראפ אינפארמאציע פון די געבורט סערטיפיקאט?). פאר פראגן, רופט **311** און בעהט פאר **"Vital Records assistance" (הילף מיט וויכטיגע רעקארדס)** אדער שיקט אן אימעיל צו nycdohvr@health.nyc.gov. אויב איר זענט אינדרויסן פון NYC, רופט 212-639-9675. |